בס"ד

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



שמות
תשפ"א לפ"ק
גליון קנ"א

## פראגע

**ווען עס קומט צו א שותפות יששכר וזבולון, וואו איינער לערנט און דער אנדערער האלט אים אויס מיט געלט, צי באקומט דער יששכר מער שכר ווי דער וואס גיבט די געלט?**

## ענטפער:

איך גיי מיך נישט אונטערנעמען עס צו ענטפערן. אבער וועלכע פון די צוויי איר זאלט אויסוועלן צו טון, דאס וועל איך יא זאגן – עס איז גרינג פאר מיר צו זאגן. זייט דער מענטש וואס לערנט. דאס קען איך אייך זאגן. וועל קיינמאל נישט דירעקט אויס צו זיין דער מענטש וואס פינאנצירט א צווייטן צו לערנען.

טראצדעם וואס איר קענט ארויסגיין און מאכן אסאך געלט און שטיצן ישיבות, און איר וועט באקומען עולם הבא דערפאר – א גרויסע עולם הבא – אבער אויב איר קלויבט אויס זיך אליינס אראפצוזעצן און לערנען אין די זייטיגע צייטן, חוץ די צייט וואס איר ברענגט פרנסה פאר אייער משפחה – מען דארף אויסהאלטן די משפחה; איך האלט נישט פון נישט ברענגען פרנסה פאר די משפחה. אבער אויב איר ברענגט פרנסה און אין אלע אייערע איבריגע צייט זיצט איר און לערנט, דער איז דער ריכטיגער חכם. (#846)

## פראגע

**וואס איז אייער בליק אויף די נטורי קרתא אין ארץ ישראל?**

## ענטפער:

די מענטשן וואס מען רופט נטורי קרתא טוען באמת נישט נאר רעפרעזענטירן זיך אליינס. בלויז צומאל ווען זיי טוען געוויסע מעשים וואס אנדערע וואלטן עס געטון אויף אן אנדערן וועג, דעמאלטס הייבט זיך אן די חילוקי דעות. אבער אייגנטליך זענען פאראן גאר אסאך מענטשן אין ארץ ישראל וואס זענען קעגן ציוניזם. ווייל זיי קענען נישט שטיצן סיי-וועלכע גרופע וואס ווערט געפירט דורך כופרים. און עס איז גוט באקאנט אז די פירנדע ציונים זענען כמעט אלע כופרים. ס'איז א פאקט; מיר דארפן זיך נישט צוריקהאלטן פון עס זאגן, ווייל זיי אליינס זאגן עס.

נישט נאר זענען זיי כופרים, נאר די פירנדע ציונים זענען כמעט אלע מארקסיסטן. און צו זיי איז קארל מארקס (ימ"ש) וויכטיגער ווי די תורה הק'. דאס איז נישט וואס איך זאג – ס'איז וואס זיי אליינס זאגן. זיי זענען בכלל נישט אינטערעסירט אין די תורה, אבער זיי זענען זייער שטארק אינטערעסירט אין שטיצן די שיטה פון קארל מארקס. דער פאקט איז אז אלע קיבוצים אדער רוב קיבוצים זענען געגרינדעט געווארן אויף זיינע יסודות. אודאי, עס זענען דא אסאך קאמוניסטן אויך, אבער מיר רעדן נישט וועגן זיי. מיר רעדן וועגן די לינקע סאציאליסטן. און דאס מאכט אויס די וויכטיגסטע פארטיי, די מפא"י פארטיי.

און וועגן דעם זענען דא זייער אסאך אידן וואס זענען קעגן ציוניזם; ווייל זיי זעען אז זיי דרייען זיך אוועק פון די תורה הק', און זייער ציל איז צו לערנען די פונדאמענטן פון מארקסיסטישע כפירה.

נטורי קרתא זענען א קליינע גרופע עסקנים. צי די מענטשן זענען מסכים מיט זיי אדער נישט, דאס איז א שאלה וואס מ'קען דעבאטירן; אבער עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס זענען קעגן די ציוניסטישע פירער. (#133)

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

פראגע

## פארוואס זענען דא אידישע מענער וואס האבן נעמען פון חיות, אפילוווילדע חיות, ווי בער אדער לייב?

## ענטפער:

דער ענטפער איז אז די נעמען זענען באמת תפילות. יעדע נאמען איז **א תפלה**. ס'איז א תפלה אז דער איד זאל האבן די אייגנשאפטן פון גבורה; אז ער זאל האבן די שטארקייט צו זיין א גיבור.

אויב איר זעט א בער ארומשפאצירן די גאס ביינאכט, גייט איר נישט צוגיין צו אים און געבן די האנט... אפילו איר זעט אים 5 גאסן אוועק, וועט איר אפשטעלן א טעקסי און פארן אויף די פארקערטע ריכטונג. אויב ס'איז נישט דא קיין טעקסי, וועט איר ארויפקריכן אויף א טעלעפאן-שטאנג. דאס מיינט אז א בער, א דוב, איז עפעס מיט וואס מען דארף זיך רעכענען.

א איד דארף זיין א בער. א בער מיינט ער דארף זיין א העלד. ער דארף זיין שטארק און ער דארף זיין וויליג צו גיין אין מלחמה פאר כבוד שמים. א איד דארף זיין א לייב אויך. מען דארף זיין אלע גוטע זאכן. "בנימין זאב יטרף". נישט נאר געבן **מיר** די סארט נעמען, נאר דער אויבערשטער האט אויך געגעבן די נעמען דורך זיינע נביאים. זאב יטרף! ער איז א וואלף. א וואלף איז הונגעריג; ער איז אייביג הונגעריג, און בנימין איז הונגעריג פאר מצוות. ער איז הונגעריג צו דינען דעם אויבערשטן. ער דינט נישט דעם אויבערשטן ווי עמיצער וואס איז **מחויב** עס צו טון; ווי איינער וואס האט נישט קיין ברירה און ער טוט עס. ניין! ער האט אן אפעטיט ווי א וואלף! ווען א וואלף עסט אויף א שאף, טוט ער עס נישט לשם מצוה ווי איינער וואס עסט אסאך ערב שבת און פרייטאג צונאכטס קען ער שוין נישט עסן מער, אבער וואס קען ער טון? ער דארף זיך ארופזעצן ביי די סעודה און עסן נאך אביסל. ניין! ער איז הונגעריג פאר מצוות. וועגן דעם רופט מען אים א וואלף. און דערפאר, די אלע נעמען שטעלן מיט זיך פאר געוויסע גוטע מדות פון עבודת השם. (#441)

פראגע

## איז עפעס שלעכט מיט'ן האבן א הינטל? עמיצער האט מיר געפרעגט און איך האב נישט געוואוסט וואס צו זאגן.

## ענטפער:

איך גיי נישט ענטפערן די שאלה דירעקט, אבער אין רוב פעלער טוט מען עס אלס אן אופן פון ארויסווייזן א געוויסע פאראייניגונג מיט די סביבה; מיט א געוויסע גוי'אישע צוגאנג פון האבן א הונט. אידן האבן נישט געוועהנליך קיין הונט, און מענטשן וואס גלייכן צו גיין מיט א הונט אויפ'ן גאס, אדער האבן א הינטל אינדערהיים, איז עס א צייכן אז זיי ווילן נאכמאכן די גוים ארום זיי.

יעצט, איך פסק'ן נישט קיין הלכות, אבער עס איז אן ענין פון **השקפה** אז מיר ווילן נישט גיין אין די וועגן פון די גוים. איך בין אמאל אריין אין א הויז צו מנחם אבל זיין, און זיי האבן געוואוסט מיין מיינונג, און דעריבער האבן זיי באהאלטן דעם הינטל. איך האב געהערט קרייצן הינטער די טיר! זיי זענען געווען זייער פארשעמט. זיי האבן געוואוסט אז איך בין דערקעגן.

וואס עפעס זאל מען האבן א הונט אין די הויז? עס איז נישט קיין וואך-הונט; ניין עס איז בכלל נישט פאר באשיצונג. אסאך מענטשן האבן די קליינע הינטלעך – פיצקעלע, האקעלע זאכן – און די הינטלעך אליינס דארפן באשיצונג. די קליינע הינטלעך, סיי-ווער קען זיי געבן א גוטן שטויס און זיי הארגענען. און אפילו א גרעסערע הונט מיינט אין רוב פעלער "איך בין א גוי ווי אלע גוים." דאס מיינט עס באמת אין רוב פעלער. עס ווערט פארערכנט ווי א וועג פון זיך בייגן צו די גוי'אישע סביבה. וועגן דעם זאג איך אז בדרך כלל האלט איך נישט דערפון. (#999)

פראגע

## זאל א בחור גיין קיין ארץ ישראל לערנען?

## ענטפער:

איך ווייס עכט נישט צי ס'איז אייביג בארעכטיגט. מיר האבן גוטע ישיבות דא אין אמעריקע. און מען קען ווערן א גדול בישראל אין די ישיבות דא. איך זאג נישט אז מ'זאל נישט גיין, אבער איך האלט נישט אז ס'איז שטארק וויכטיג. איך קען תלמידי חכמים וואס האבן קיינמאל נישט איבערגעלאזט דעם לאנד. זיי זענען געוואקסן גרויס און היינט זענען זיי ראשי ישיבה וואס שטייען אין שפיץ פון די גרעסטע ישיבות אין אמעריקע. און זיי זענען קיינמאל נישט געגאנגען אויף קיין שום אנדערע פלאץ חוץ אמעריקע.(E-180)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב